אין יידיש, געמוזט פילן דעם גאַנצן ריח פון דער „יידישער טאַרבע”. און דער פיינשמעקער האָט פאַרצויגן די נאָז. י. ל. פרץ, דער וואָס האָט שפּעטער די יידישעווירקלעכקייט אויפגעהייבן איבער אַלע הימלען און אין דער דאָזיקער דערהייבונג איך דערהויבן די יידישע שפּראַך פון איר שפלות, און אין איר, אין יידיש, אויפגעדעקט אַלע וואונדערלעכע שיינקייטן און אידלקייטן פון דער יידישער עקזיסטענץ, — אויך ער, פּרץ, האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „יידיש האָט פאַר ליבע, פאַר געפיל, קיין וואַרעם וואָרט, קיין סטיל” און אַז עס שמעקט פון יידיש מיט „גענדזן־שמאַלץ”. דאָס הייסט, אַז יידיש איז אַן ענין פאַר גראָבע און מינדערוועוטיקע נפשות. אויב פּרץ האָט אַזוי געזאָגט, וואָס האָבן נאָך געזאָלט טענהן סיי וועגן יידיש לעבן, סיי וועגן יידישער שפּראַך אַזעלכע בייסיקע און פאַרביטערטע סאַטיריקער, ווי מענדעלע און לינעצקי? פאַר דער נאַקעטער יידישער ווירקלעכקייט האָבן זיי מער נישט געהאַט סיידן ווי די בייטשן פון סאַטירע. אין דעם געלן און כאַרפן ליכט פון מענדעלען איז די יידישע ווירקלעכקייט אַרויסגעקומען נאָך באַדנלאָזער, נאָך האָפענונגסלאָזער, נאָך אויסזיכטסלאָזער —

דאָס זעלביקע איז געשען בנוגע דער יידישער שפּראַך. פון דער יידישער שפּראַך און פון איר סטיל, האָבן זיך די ערשטע יידישע שריפטשטעלער — איבערהויפּט מענדעלע — באַמיט אַרויסצובאַקומען די קאַנטיקע האַרטקייטן פון אַ ליבלאָזער עקזיסטענץ. דאָס, וואָס פּרץ האָט געזאָגט וועגן יידיש (אין „מאָניש”) האָבן זיך די סאַטירישע יידישע שריפטשטעלער נישט געקווינקלט צו באַווייזן אין די שפּראַך־קלאַנגען און אין די סטיל־פאָרמען פון יידיש. דאָס שטעכנדיקע און ביטערע געמיט פון אַ קאַלטער ליבלאָזער אָרעמקייט איז פאַר זיי געלעגן אין די קאַנטיקע סטיל־פאָרמען פון יידיש, אין דעם געפּעפּערטן „גענדזן־שמאַלץ”, ווי מ׳האָט אָנגערופן די יידישע פאָלקסזאַפטן פון דער יידישער שפּראַך. אין דעם קליגלען און פּילפּולן זיך פון מענדעלעס יידישע שפּראַך־פאָרמען האָט געשטעקט די פולע איראָניע פון אַ גרויס מינדערוועוטיקייטסגעפיל פאַר יידן בכלל.

שפּעטער, אַ סך שפּעטער, האָט פּרץ אין דער שטיפמוטעריש און סאַטיריש־באַהאַנדלטער יידישער ווירקלעכקייט אָנגעהויבן צו געפינען די קוואַלן פון הויכע מענטשלעכע מדרגות. אין דער יידישער באַדנלאָזיקייט, אין וועלכער די סאַטיריקער האָבן געזען אַ דעגענערירטע, וועגעטירנדיקע, אויסוועגלאָזע און אויסזיכטסלאָזע פּאַראַזיטירטע יידישע מאַסע, האָט פּרץ — גאָר! — אָנגעהויבן צו אַנטפּלעקן די אידעאַליסטישע אָנהייבן פון אַ נייער עקזיסטענץ־מדרגה פון דער מענטשהייט. דאָס אָפּגעריסן־זיין פון יעדער באַדנהאַפטיקייט האָט געהייסן פאַר פּרצן דער גאַנג צו אַ גרויסן וועלט־שבת־יום־טוב. פון דער „יידישער טאַרבע” האָט ליכטיק אָנגעהויבן אַרויסצושיינען די גאָלדענע קייט פון דער יידישער עקזיסטענץ. איבערקאָמפּענסירנדיקע ווערטן האָבן אַרומגענומען די מיקלאָמפּערשטע יידישע מינדערווערטיקייט ווי אַ זוניקער גלאָריע־שיין אין די פינצטערנישן. אין די דאָזיקע יידישע זון־אויפגאַנגען האָבן אויך פון דער יידישער שפּראַך אָנגעהויבן אַרויסצושיינען די אַלע אינערלעכע ליכטיקייטן, וואָס פּרץ האָט געפונען אין יידישן לעבן. די יידישע שפּראַך איז געוואָרן די שפּראַך פון יידישער דערהויבונג. דאָס נשמה־געפּעס וואו עס איז געפלאָסן דער סובטעלסטער און אידלסטער ריטם פון יידישן לעבן.

אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן” — וואו פּרץ האָט געשילדערט דעם אידעלן וועלט־שבת אין דער אָרעמער און באַדנלאָזער יידישער ווירקלעכקייט — האָט די יידישע שפּראַך סינטעטיש זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם יידישן עקזיסטענץ־געפיל פון פּרצן. פּרצעס יידיש האָט דאָרט דערגרייכט אַזאַ מדרגה, וואָס קיין יידישער פּראָזאַאיקער האָט נאָך נאָך פּרצן נישט דערגרייכט. אין קעגנזאַץ צו פּרצעס אייגענער מיינונג וועגן יידיש (אין „מאָניש”) האָט די יידישע פּראָזע אין די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן” געהאַט אַלע חנען און לייטזעליקייטן פון די וואונדערלעכע און אידעלע מענטשלעכע טיפקייטן, וואָס פּרץ האָט אויסגעפונען אין דער יידישער ווירקלעכקייט. צוגלייך מיט דער גאָלדענער קייט פון יידישער עקזיסטענץ, האָט פּרץ אויסגעשמידט די גאָלדענע קייט פון דער יידישער שפּראַך.

# פּרץ אין אמעריקע

•

פון נ. ב. מינקאָוו

יצחק לייבוש פּרץ איז קיינמאָל נישט געווען אין אמעריקע. זיין נאָמען, אָבער, האָט געשוועבט איבער דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, געלויכטן אין אונדזערע אַמעריקאַנישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס און אַרויסגערופן יראת הכבוד, געוואַלדיקן אָפּשיי אין די הערצער פון אַ סך שרייבער און לעזער.

אַ גרויסן רושם האָט פּרץ איבערגעלאָזן אויף דער אַמעריקאַנער יידישער אינטעליגענץ, דאָך איז זיין השפּעה געווען גאָר אַן אַנדערע ווי מע האָט געקענט דערוואַרטן פון אַ שרייבער, וואָס איז געווען אַזוי באַוואונדערט און אַזוי געשעצט. דאָס איז נישט געווען די דירעקטע השפּעה, וואָס ער האָט געהאַט אין אייראָפּע.

די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען די יאָרן פון אונדזער קולטור־אויפשטייג אין אמעריקע. די „יונגע” זיינען שוין דעמאָלט געווען רייף און אויסגעפּרועמט, די יידישע שול האָט שוין געוויזן בולטע לעבנס־סימנים און דאָס יידישע פאַרלאַג־וועזן האָט אָנגעהויבן צו גיין באַרג־אַרויף. אפילו די אולטראַ־מאָדערניסטן, די „אינזיכיסטן”, האָבן שוין גע־חלומט צו פאַרדינען, און טאַקע פאַרזיך, זייערע ערשטע קערנער.

מיט פּרצעס טויט איז געקומען אַן איבערבראָך אין די באַציאונגען צו פּרצן. אין די בלוטן פון דעם יידישן קולטור־אָרגאַניזם האָט זיך דערפילט פּרצעס השפּעה. אָבער פריער — בשעת זיין לעבן — האָט זי נישט עקזיסטירט. ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט קלינגען, אַזוי איז עס געווען: באַוואונדערונג, יראת הכבוד אָבער נישט קיין איינפלוס.

---

לאָמיר נאָכגיין די פּרץ־טריט אין אמעריקע:

אב. קאַהאַן, פּרצעס ערשטער רעדאַקטאָר אין אמעריקע, גיט איבער אין זיינע „בלעטער פון מיין לעבן” (ב׳ 3, ז׳ 274) מכוח אַ רעדאַקציאָנעלן נאָטיץ, וואָס ער אַליין האָט געשריבן וועגן פּרצעס מעשהלעך. פון דעם דאָזיקן נאָטיץ דערוויסן מיר זיך וועגן דעם ערשטן איינדרוק, וואָס די מעשהלעך האָבן גע־

ווערט איר נתפעל פון דער קינסטלערישער גרויסקייט: איך טוט הנאה וואָס אַזאַ גרויסע קונסט אַרבעט, ווי פאַרקערפּערן דעם פאָלקס־גייסט אין לעגענדע, האָט אָנגעהויבן אויסגעפירט ווערן פונעם דיכטער — אַן אַרבעט דורך וועלכער די ניט־לאַנג געבוירענע ידישע ליטעראַטור, וועט אפשר מעגן אָנהייבן צו האָבן פּרעטענזעס אויף בירגער־רעכט אין דער וועלט־ליטעראַטור אַלס פּראָדוקט פון אַן אייגענער, באַזונדער קולטור״

די באַוואונדערונג, וואָס פּרץ האָט אַרויסגערופן אין אַמעריקע, ווערט באַשטעטיקט דורך די פאַרהאַנדלונגען פון עוואַלענקאָס פאַרלאַג „אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטעק״ מיט פּרצן און דינענזאָנען מכּוח אַרויסגעבן פּרצעס ווערק. דער שריפטשטעלער ה. אַלעקסאַנדראָוו איז דעמאָלט געווען דער פאַרטרעטער פון פאַרלאַג און ער האָט עס געפירט די קאָרעספּאָנדענץ מיט דינענזאָנען און פּרצן. זיי האָבן ניט געקענט מושווה ווערן וועגן האָנאָראַר. שרייבט אַלעקסענדראָוו אין איינעם פון זיינע בריוו * צו דינענזאָנען:

„איך וויל איך נאָר זאָגן, אַז ביי דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער ידישער ליטעראַטור פון איין זייט, און דעם ידישן ביכער־מאַרק פון דער אַנדערער, קען הער פּרץ בשום אופן ניט רעכענען באַקומען בעסערע תּנאים. אַז דער צושטאַנד פון אונדזער ליטעראַטור אין פאַרגלייך מיט די וועלט־ליטעראַטורן איז זייער אַ קלעגלעכע, דאַרף איך אייך דאָך ניט דערציילן. וואָס דאַרפט איר מער, אַז י. ל. פּרץ, אונדזער קרוין, אונדזער שטאָלץ (אונטערגעשטראָכן פון מיר — נ. ב. מ.) האָט ניט די נייטיקע פאַר הונדערט רובל צו פאָרן קיין אויסלאַנד צוליב זיין געזונט.״

אין אַ צווייטן אָרט שרייבט אַלעקסאַנדעראָוו: „מיט זיין צושטימונג צו די תּנאים פון פאַרלאַג וועט הער פּרץ טאָן אַ גרויסע טובה דער גאַנצער ידישער ליטעראַטור. ווען מיר וועלן פאַרמאָגן אַ פולע אויסגאַבע פון י. ל. פּרצעס ווערק, וועט דאָס אליין שוין אויפהייבן די ליטעראַטור אונדזערע אויף אַ באַדייטנדע שטופּע. דאָס וועט דאָך זיין ביי אונדז די ערשטע קלאַסישע אויסגאַבע פון אַ ידישן שרייבער. און זאָל נאָר דער פאַרלאַג פאַרטיק ווערן מיט אָט דער אַרבעט, ווי ער וועט זיך תּיכף נעמען פאַר די אַנדערע באַוואוסטע שרייבער, און שענקען דעם פאָלק פולע אויסגאַבן פון זייערע ווערק. צו דערגרייכן אָט־דעם גרויסן ציל איז דעם פאַרלאַג דורכאויס נייטיק אַרויסצוטרעטן מיט אַן אויפגאַבע פון י. ל. פּרצעס אַלע ווערק.״

ווי מיר זעען איז די באַוואונדערונג און באַגייסטערונג, וואָס פּרץ האָט אַרויסגערופן אין אַמעריקע בשעת זיין לעבן, געווען זייער גרויס. אָבער זיין השפּעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אַמעריקאַנער ידישער ליטעראַטור איז ניט געווען צו מערקן. זיין השפּעה האָט זיך ערשט אָנגעהויבן פילן האַרט פאַר דער ערשטער מלחמה, ד. ה. כּמעט ביים סוף פון זיין לעבן.

די סיבה דערפון קען מען גרינג געפינען. די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער ידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע איז פאָרגעקומען אונטערן צייכן פון אַ ניט־צו־טיפן רעאַליזם. און פון דער צווייטער זייט — די ליטעראַטור האָט געמוזט „קלאָר״ און אויסשליסלעך דינען דעם אידעאַל פון סאָציאַליזם. די צוויי איינשטעלונגען זיינען געווען אַזוי איינגעוואָרצלט אין די הערצער פון ידישע שרייבער, וואָס האָבן געהערט צום ראַדי־קאַלן לאַגער, אַז אַנדערש איז זיי גאָרנישט איינגעפאַלן צו באַטראַכטן די קונסט פון וואָרט.

האָבן ידיש שרייבער, צוגלייך מיט דער אינטעליגענץ, ניט געקענט זיך אָנזעטיקן מיט די שיינקייטן אין פּרצעס מעשׂות. זייער אָפּשיי איז געווען אומגעהויער גרויס. אָבער גיין אין

* די בריוו האָב איך איבערגעגעבן די „ייוואָ־בלעטער״, וואו זיי וועלן בקרוב זיין געדרוקט.

פּרצעס טריט האָבן זיי ניט געקענט מחמת דער נאָר־וואָס־דער־מאָנטער סיבה.

ווען מאָריס ווינטשעווסקי האָט דורכגעלייענט אין דער „אַרבייטער צייטונג״ פון 28טן דעצעמבער, 1894, פּרצעס הומאָרעסק־ליד „אויסגעשטאָרבן״ איז ער געוואָרן אין כּעס און האָט גלייך ״אָנגעשריבן אַן ענטפער אין דעם זעלביקן ריטם.״

די סיבה איז געווען אַ פּשוטע: ווינטשעווסקי האָט גע־האַלטן פּרצעס ליד פאַר אַ שטיק רעאַקציאָנערישקייט. און אַזוי האָט געהאַלטן כּמעט די גאַנצע ידישע אינטעליגענץ. פּרץ איז אין זייערע אויגן געווען ניט אינגאַנצן קיין „בלאַגאָנאַ־דיאָזשנער״ (פאַרלאָזלעכער). און דאָס האָט זיי אָפּגעהאַלטן צו פאַרנעמען זיך מיט פּרצעס געוויסע אידייען.

לאָמיר זען אין וואָס איז באַשטאַנען פּרצעס אפּיקורסות.

אין דעם ליד „אויסגעשטאָרבן״ האָט זיך פּרץ דערלויבט אַ ביסל פּאָעטישע פאַרשווענדערישקייט. ער דערציילט, אַז „ווי אַ שטייג איז פול מיט עופות, און אַ מיגלרוים פול מיט קערן,״ איז ער „פול מיט אידייען, מעשׂות, פּלאי פּלאָים . . . ״

ער קען שרייבן טראַגעדיעס, „הומאָרעסקן און קאָמעדיעס, וויצן, פּאַרסן . . .. און דראַמאַטן און אידיליען אַאז״וו״, „אויך ראָמאַנטישע אידייען, קושן, האַלדזן, גאָר אַן אוצר, נעפּל, שטראַלן, וואַסער, פייער, אַ, כּחומר ביד היוצר.״ און ווען ס׳קומט צו גראַמען —איז ער אַן אמתער מכשף. ער גיט איבער ווי אַזוי ער שיסט מיט גראַמען אויף פאַרשידענע אופנים. אָבער — אין זאַך פעלט אים: — אַ העלד. און ער פאַרענדיקט דאָס ליד:

„אפשר ווייסט איר, בני רחמנים,
וואו איך קריג אַ העלד אַ פיינעם?
כ׳האָב געשריבן אין גאַזעטן
און איך האָב געפרעגט ביי שכנים.

כ׳האָב געזוכט אין אַלע גאַסן,
איך האָב אַלע לייט פאַרהאַלטן,
איינער גיט אַ דריק די פּלייצעס,
וואַרפט אַ שאַרפן בליק אַ קאַלטן! . . .

און דער צווייטער לאַכט אין פּנים.
„פוי, פאַרקרימט זיך נאָך אַ דריטער,
שיינע מיידלעך זיפצן טרויעריק,
שיינע פרויען לאַכן ביטער. —

נאָר גרייד־גראָע זיי דערציילן:
אַז די וועלט איז היינט פאַרדאָרבן . . .
אַ פּגירה איז געווען,
זיינען אַלע אויסגעשטאָרבן! . . . . ״

ווינשעווסקי האָט שפּעטער אַליין איבערגעגעבן וועגן אָט דעם ליד (זע געזאַמלטע ווערק, אונטער דער רעדאַקציע פון קלמן מרמר, ב׳ 7, ז׳ 199־202):

„דאָס (ליד) האָט מיך אויפגערעגט קודם־כּל דערמיט, וואָס אין דעם איז פאַר מיר געווען אַ פאַרהערלעכונג פון די ,גוטע אַלטע צייטן׳. איך האָב דאָס געהאַלטן פאַר אַ רעאַקציאָנערן שטאַנדפּונקט. און דער שפּאַנדפּונקט, וואָס איך האָב אַרויס־געבראַכט אין מיין ענטפער, איז געווען, אַז העלדישקייט קאָן ניט זיין אויסגעשטאָרבן, נאָר ,פאַרקערט, געשטיגן און אויס־געוואַקסן, ווען מע באַרעכנט, וויפל מוט, וויפל אחדות, וויפל מסירת נפש דער אַרבעטער־קלאַס אַליין ווייזט אַרויס כּמעט טאָגטעגלעך אין זיין קאַמף קעגן קאַפּיטאַל.״

און, באמת, מאָריס ווינטשעווסקי וואַרפט אים פאַר אין

זיין ליד „זיי לעבן נאָך", געדרוקט מיט אַ וואָך שפּעטער נאָך פּרצעס ליד (ארבייטער צייטונג פון 6טן יוני, 1895, איבערגעדרוקט אין די געזאמלטע ווערק ב׳ 7, ז׳ 200):

„דו באַקלאָגסט זיך, אַז פאַרדאָרבן
איז לחלוטין היינט די וועלט,
אַז ער איז שוין אויסגעשטאָרבן
גאָר אינגאַנצן יענער העלד?"

און ער זאָגט, ווינטשעווסקי פּרצן, אַז עס לייגט זיך אים ניט דער גאַנצער ענין אויפן שכל:

„ניין, איך קען ביי זיך ניט פועלן,
עס זאָל האַלטן אזוי שמאָל
און צום ,קעניגרייך פון פוילן׳,
וואו עס פלעגן אַן אַ צאָל

גרויסע העלדן זיך געפינען,
וועלכע האָבן זייער בלוט
שטאָלץ געלאָזן שפּריצן, רינען,
אונטער אַלעקסאַנדערס קנוט."

און ווינטשעווסקי פירט אויס, אַז אויב עס איז „ווירקלעך ערגער, ווי מיר װאָלטן דאָ געגלויבט"

„אַז אפילו אין דער דיכטונג,
איז אין פוילן ניט פאַראַן
אין קיין מענטשלעך פרייער ריכטונג,
אויף קיין אופן ניט אַ מאַן,

וואָס זאָל קענען פיגורירן
אין פּאָעזיע אַלס העלד —
דאַן, מיין ברודער, קום שפּאַצירן
אין די גרויסע, נייע וועלט.

דאָ וועסטו געפינען מאָסן
העלדן צווישן ארבעטס־לייט,
וועלכע אָפּפערן געלאָסן
לייב און לעבן אין דעם שטרייט

מיט דעם באָס, דעם אונטערדריקער,
מיט דעם אומגעקרדינטן צאַר,
וועלעכר שטרעבט צו ווערן דיקער
דורך די הענט, וואָס בלייבן דאַר.

אָ, דו דאַרפסט זיי נאָר באַטראַכטן,
דיזע בראַווע אַרבעטס־לייט,
ווי זיי קעמפן אין די שלאַכטן,
האַנט אין האַנט, און זייט־ביי־זייט.

אַן געווער, אַן גענעראַלן,
דייער אָפּט אויך אַן פּראָוויאַנט,
פאַר פרינציפּן, אידעאַלן,
מיט די הוילע דאַרע האַנט.

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

און דו וועסט ניט בעטן שכנים,
אָדער מענטשן אויפן גאַס,
דיר אַ העלד צו געבן איינעם,
ווען דו האָסט אַ גאַנצן קלאַס;

און דיין שיינע, קלוגע מוזע
וואָלט געפונען אויפן פעלד,
אין אַ פּראָלעטאַריער־בלוזע,
אין דעם פאָלק אַ וואָרן העלד." —

אפילו דער זייער אידעלער און טאָלעראַנטער משה קאַטץ, מיט זיין שטאַרקער נטיה צו אלעגאָריע, סימבאָליק און עסטעטיק, האָט ניט געקענט אינגאַנצן אַראָפּשלינגען פּרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן." ער איז פאַרכישופט געוואָרן פון פּרצעס קונסט, פון פּרצעס פאָרם, בילדער, דערציילערישער קראַפט און שטימונג. אָבער — צחאָמען מיט „גרויסער הנאה" פלעגט ער דערפילן „אַ מין „אוי לי מיוצרי ואוי לי מיצרי," און ער פאַרענדיקט די פריער־דערמאָנטע עסיי מיטן געדאַנק, אַז פּרץ האָט טאַקע „געפונען זיין פאָלק, ניט אין דער אַלט־אַלטער קלאַסישער פאַרגאַנגענהייט". נאָר „אין דער פאַרהערלעכונג פון מדות, אָבער מדות, מערסטנס וואָס זיינען פּאַסיוו מדות פון אַ גלות־פאָלק: גבורה פון צוריקהאַלטונג, פון ניט עובר זיין, פון אויסשטייך נסיונות. „אָבער ניט ווילנדיק — שטרייכט אונטער משה קאַטץ — שוועבט דאָך איבער זיי די קדושה פון בית־מדרש פרומקייט. און ביי דער גרויסער הנאה, וואָס מען האָט פון אַזאַ גייסטרייכע באַנייאונג פון דאָס אַלטע, דערוועקט זיך דאָך די מורא, אַז ווען די תלמידים וועלן אָנהייבן טרעטן אין דעם וועג, זאָל חס וחלילה ניט פּאַסירן היינט משל וועגן דער ראָמאַנטישער אויפלעבונג אין דייטשלאַנד. פון דעם וועלן פאַריונגען דאָס אַלטע, זאָל ניט איבערגענומען ווערן אַן איבעריקע דאָזע און מע זאָל ניט צר־יונג ווערן — ממש ניט קינדעריש ווערן."

ווען יואל ענטין האָט אין זיין אינטערעסאַנטער עסיי „אַ יידישער ראָמאַנטיזם" (געדרוקט אין א. קאַרלינס זאַמלבוך „טרוימען און ווירקלעכקייט", רעדאַקטירט פון י. אַדלער און י. סלאָנים, יאַנואר 1909) אויפגעוואָרפן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע איר פרימיטיוון, פאָטאָגראַפישן רעאַליזם, האָט ער זי אזוי כאַראַקטעריזירט:

„אונדזער ליטעראַטור איז טרוקן, אָן דער רוחניותדיקער פייכקייט פון פּאָעזיע, פאַנטאַסטיק און אַ העכערן, איבער־ערדישן סטיל. זי איז אַ ליטעראַטור פון קאַלטע, קליינלעכע, אָפּגעריסענע פאַקטן פון דער גרויסער אַלטעגלעכקייט."

געפאָדערט האָט ענטין פון איר ראָמאַנטיזם:

„עס פעלט אין איר דער סודותדיק־צופליסטערנדער שאָטן פון שטילע טריט צווישן אַנגעוואָרפענע וואַלד־בלעטער, דאָס צויבערלעכע ווישפּערן פון דעם בין־השמשותדיקן, שווייגנדיק צונויפגיסן זיך פון הימל און ערד, דער פויגל־געזריש פונעם טויט, פאָכנדיק איבער לעבן, דער טונקעלער מורמל פון דער לעגענדע פון דעם וויטן אַמאָל און דעם וויטן לעתיד לבוא, פון פאַראיבערגענגלעכקייט אין אייביקייט."

און ענטין האָט אַנגערירט דעם סאַמע תוך, וואָס עס האָט געפעלט דער אמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור. ניט נאָר האָט ער איר אויפגעוואָרן, אַז עס פעלט איר דער פאָלקסטימלעכער טאָן נאָר נאָכמער: עס פעלט איר דער „שטראָם פון אָבערגלויבן אין פאָלק־לערע." „עס פעלן אין איר, — שרייבט ענטין, — די שעפּטשענדע קלאַנגען פון דער אַלטער באָבען, דערציילנדיק אירע מעשות וועגן שדים, מתים און כת־לצנים..." און ער קומט צום אויספיר, אַז אונדזער ליטעראַטור „האָט ניט

מיט פּרצעס :

„טרויער דריקט אויס מיין נשמה
און דאָס האַרץ טוט קלעמען,
כאָטש ער האָט מיר צוגעשוואוירן
אַז ער וועט מיך נעמען.״

אָדער לאַנדויס :

„די גאַסן נאָך פון רעגן פייכטע,
ווי אַלץ איז נעפּלדיק און גרוי.
עס ווייען ווינטן מילדע, לייכטע
און מילד און לייכט איז מיר אזוי.״

מיט פּרצעס :

„עס שיינט די לבנה, עס בלאַנקען די שטערן,
מיר זיינען די אויגן פאַרלאָפן
מיט טרערן : אַך, זאָג מיר, מיין מזל,
מעג איך נאָך האָפן.״

אזוי אויך קען מען הערן דעם זעלביקן טאָן אין לאַנדויס „אין דער פינצטער זיינען דיינע אויגן שענער.״ פונקט ווי אין פּרצעס : „אויף דיך באַלקאָן הענגען מיינע אויגן ; זיי זעען דיך נישט . . . . ״

קינסטלער פון נייע ריכטונגען זעען בכלל ניט זייערע פאַרלויפער און זייער טראַדיציע. די פירער פון די ריכטונגען זיינען צו יונג, צו אומדערפאַרן, צו קאַמפּס־לוסטיק און צו רעוואָלטירנדיק. מיט יאָרן שפּעטער, אָבער, ווען עס ווערן קלערער די גאָלדענע רינגען פון תקופות, זעט מען בולט די אידעלע גאָלדשמיד־אַרבעטן פון די פריערדיקע דורות, די פאַרבינדונגען וואָס צווישן איין דור און דעם צווייטן.

די „יונגע״ האָבן בשעת מעשה ניט געקענט באַ־גרייפן דעם פאַקט, אַז פּרץ איז שוין געווען אַ פּראָבלעם פאַר זיי. אָבער מיר זעען עס איצט. מיר ווייסן, אַז דער ראָמאַנטיזם, די סימבאָלישקייט, די סוגעסטיווע און שטימונג, וואָס האָט זיך געטראָגן פון פּרצעס ווערק, האָט געפונען אין זיי אַן אָפּקלאַנג. און אויב זיי האָבן דאָס ניט געוואָלט צוגעבן, מחמת זיי האָבן געוואָלט „קעמפן״ ווי „יתומים, אָן ליטע־ראַרישער טראַדיציע״, האָבן זיי אָבער צוגעגעבן, אַז פּרץ איז פאַר זיי געווען מער ווי אַן אָביעקט פון באַוואונדערונג.

פאַר מ. ל. האַלפּערנען איז פּרץ געווען :

„ . . . אַ לעצטע גלאָווניע האָלץ,
וואָס ברענט אין סטעפּ ביינאַכט, אין רינג פון אַ ציגיינער שטאָם ;
אַ מאַסטבוים פון אַ שיף וואָס ראַנגלט זיך מיט ווינט און ים ;
אַ לעצטער בוים פון אַ פאַרכישופט־וואָגלענדיקן וואַלד,
אַ וואו דער בליק האָט דעמבעס־ריזן טויזנט־יעריק אַלט,
פון זייערע וואָרצלען אָפּגעהאַקט . . . ״

אין דעם זעלביקן פּרץ־נומער „ליטעראַטור און לעבן״ (מאַי, 1915), וואו די נאָרוואָס געבראַכטע שורות זיינען געדרוקט, געפינט זיך ר. אייזלאַנדס אַן אַרטיקל „וואָס איז פאַר אונדז געווען פּרץ ?״ אייזלאַנד וויל באַווייזן, אַז פּרץ איז געווען פאַר די יינגע קינסטלער „אַ שיינע לעגענדע, אַ הערלעכע לעגענדע, אָבער דאָך ניט מער ווי אַ לעגענדע.״

„מיר האָבן פון אים דירעקט גאָרניט געלערנט״, שרייבט ר. אייזלאַנד. אין דעם איז יאָ פאַראַן און ניט פאַראַן אַ שטיק אמת. פונקט ווי עס איז ניט געווען אין גאַנצן ריכטיק דער מאַרטירער קאָמפּלעקס פון „די יונגע״, אַז „מיר האָבן ניט קיין זיידן. מיר האָבן ניט קיין טאַטן. אפילו קיין רבין האָבן מיר ניט געהאַט.

„ווי ממזרים זיינען מיר געקומען. ווי פון מיסט אַרויס־געוואַקסן.״

ווייסן מיר איצט, אַז איידער „די יונגע״ זיינען געקומען האָט פאַר זיי אויסגעטראָטן אַ וועג די גרופּע „יוגנט״, וואָס האָט זיך אַליין אַנטוויקלט פון דער הערשנדיקער סאָציאַל־רעאַליסטישער ליטעראַטור סוף לעצטן יאָרהונדערט, און אַנט־וויקלענדיק זיך האָט זי, נאַטירלעכערהייט, רעוואָלטירט קעגן דער טיראַניע פון רעאַליזם אין כלל־מאָטיוון. און געטאָן האָבן זיי דאָס אין נאָמען פון קינסטלערישער פרייקייט, פון רעכט אויף ראָמאַנטיזם און יחידישן מאָטיוו.

אָבער אייזלאַנדן, און כמעט אַלע פון דער גרופּע „יונגע״ האָבן באמת געגלויבט, אַז זיי זיינען „געקומען ווי ממזרים.״ זיי האָבן, ווייזט אויס, צונויפגעמישט דאָ צוויי פּראָבלעמען : ליטעראַרישע סביבה און קינסטלערישע דערקענטעניש. אין וואָס שייך דער ליטעראַרישער סביבה זיינען זיי געווען גע־רעכט. וואַרשע האָט געהאַט פּרצן, וואָס האָט מקרב און מצרף געווען אַלע יונגע טאַלאַנטן. און דאָ, אויפן שטיינערנעם באָדן פון דער דעמאָלטיקער יידישער קאָלאָניע אין אמעריקע, האָבן זיי ניט געפונען דאָס וואָס די יונגע טאַלאַנטן האָבן געפונען ביי פּרצן. דאָ איז פאַרגעקומען גאָר עפּעס אַנדערש. און ווי אייזלאַנד שרייבט, און ווי די שרייבער פון די איצטיקע שורות געדענקט נאָך זייער גוט, האָט מען פון „די יונגע״ געלאַכט, חוזק געמאַכט, „געטיילט אויף אונדז מיט די פינגער. און אפילו שטיינער האָט מען געוואָרפן אויף אונדז.״

„און אין יענע מאָמענטן פון אומזיכערקייט, שרייבט אייז־לאַנד, אין יענע מאָמענטן פון שמערצהאַפטן צווייפלען, האָבן מיר געבענקט נאָך יענער הערלעכער לעגענדע ; נאָך יענער סביבה וואָס איז אַרום דער פערזענלעכקייט פון י. ל. פּרץ.״

וואָס שייך סביבה, דער פּרץ־סביבה, וואָס האָט דאָ גע־פעלט, איז טאַקע אמת אַלץ וואָס אייזלאַנד שרייבט. אָבער — וואָס שייך ווערטן, וואָס שייך קינסטלערישער דערקענטעניש זיינען „די יונגע״ זיכער געווען אונטער פּרצעס השפּעה. אפשר איז פאַראַן אַ שטיקל אמת אין אייזלאַנדס ווערטער, אַז „מיר האָבן פון אים דירעקט גאָרניט געלערנט.״ יאָ, דירעקט טאַקע ניט. אָבער אומדירעקט איז געווען גרויס זיין השפּעה.

דער עיקר־עלעמענט אין פּרצעס קונסט : „איך מאָל נישט קיין מענטשן, נאָר זייער אָפּבילדונג אין מיר. און די אָפּביל־דונגען זיינען זעלטן ענלעך צום מענטש״ — אָט דער סוביעק־טיווער עלעמענט, אָט דער ראָמאַנטיזם, פּינקטלעכער געזאָגט אָט דער אימפּרעסיאָניזם, האָט אומדירעקט, און אומבאַוואוסט פאַר „די יונגע״, שטאַרק געווירקט אויף זייער קונסט.

נאָכמער אָבער — און טאַקע דירעקט — האָט פּרץ גע־ווירקט אויף יענעם טייל „יונגע״, וואָס האָט געזוכט פּראָ־בלעמען, אידייען און סתירות אין קונסט. דאָס זיינען : יוסף אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, און זיי צו לאַנגע יאָר, מ. ל. האַלפּערין. די זעלביקע השפּעה האָבן אויך געטיילט דער דור נאָך „די יונגע״ און די „אינזיכסטן.״

אָט־די השפּעות פּרצעס, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן באַ־ווייזן אין אַמעריקע מיטן אויפקום, ריכטיקער געזאָגט — מיט דער רייפקייט פון „די יונגע״, זיינען זיך צונויפגעפאַלן מיטן אויפקום פון דער יידישער מאָדערנער וועלטלעכער שול אין אַמעריקע, און מיטן אויפשטייג פון דער יידישער קולטור־באַוועגונג דאָ אין לאַנד.

דורך „די יונגע״, און נאָכמער, דורך דער יידישער שול און דורך דעם קולטור־באַוואוסטזיין, וואָס האָט דאָ אויפגע־שטראַלט, האָט אויך אויפגעשטראַלט דער סימבאָל פּרץ. און פון אַן אָביעקט פון באַוואונדערונג אָן איינפלוס איז ער געוואָרן אַ קולט, אַ לעבעדיקער קוואַל, אַ קולטור־קראַפט, וואָס האָט אונדז געגעבן און וועט אונדז נאָך לאַנג, לאַנג נערן.